**WE ARE YOUR DOL**

NEW YORK STATE | Department of Labor

פארלאנגטע מעלדונג אונטער ארטיקל C-25 פון די לעיבאר געזעץ

## אכטונג אלע דרייווערס פון קאמערשעל וויהיקלס: אויב איר פירט אריבער ארטיקלען, זענט איר געדעקט אונטער דער קאמערשעל ארטיקלען טראנספארטאציע אינדוסטרי פעיר פלעי אקט (Commercial Goods Transportation Industry Fair Play Act)

**דער געזעץ זאגט אז איר זענט אן ארבעטער אויסער אויב:**

- באצאלונגען פאר אייער סערוויסעס איז באריכטערט אויף א פעדעראלע אינקאם שטייער בויגן 1099, אויב געפאדערט לויט'ן געזעץ
- **און אדער:**
  - . איר זענט א באזונדערע ביזנעס איינהייט ווי אפגעטייטשט לויט'ן געזעץ, **אדער**
  - . איר זענט פריי פון אנווייזונגען און קאנטראל מיט'ן אויספירן אייער ארבעט,
  - . איר פירט אויס ארבעט וואס איז נישט א טייל פון די געווענליכע ארבעט געטון דורך די ביזנעס וואס האט אייך געדינגען, **און**
  - . איר האט א זעלבסטשטענדיגע אוועקגעשטעלטע ביזנעס.

**עס איז קעגן די געזעץ פאר אן ארבעטסגעבער צו נישט-ריכטיג קלאסיפיצירן ארבעטערס אלץ זעלבסטשטענדיגע קאנטראקטארס אדער באצאלן ארבעטערס נישט אויף די ביכער.**

**ארבעטער רעכטן:** אויב איר זענט אן ארבעטער, זענט איר בארעכטיגט פאר סטעיט און פעדעראלע ארבעטער באשיצונגען. דאס רעכנט אריין:

- ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס בענעפיטן, אויב איר זענט ארבעטסלאז נישט צוליב אייער אייגענע שולד, קענט ארבעטן און אנדערשווייז קוואליפיצירט,
- ארבעטערס' פארגיטיגונג בענעפיטן פאר ביים-ארבעט וואונדן,
- באצאלונגען פאר ווידזשעס פארדינט, מינימום ווידזש, און אווער-טיים (אונטער געוויסע אומשטענדן),
- אנגייענדע ווידזשעס אויף פובליק ארבעט פראיעקטן,
- די באדינגונגען אויף די נאציאנאלע לעיבאר רילעישנס אקט (National Labor Relations Act), און
- א פארזיכערטע ארבעט ענווייראנמענט.

עס איז א פארלעצונג פון דעם געזעץ פאר ארבעטסגעבערס צו נקמה נעמען קעגן איינער וואס פארזיכערט זייער רעכטן אונטער דעם געזעץ. נקמה נעמען שטעלט אויס אן ארבעטסגעבער צו ציווילע שטראפן, א פריוואטע געריכט-פארהאנדלונג (lawsuit) אדער ביידע.

**זעלבסטשטענדיגע קאנטראקטארס:** אויב איר זענט א זעלבסטשטענדיגע קאנטראקטאר, **מוזט איר באצאלן אלע שטייערן און ארבעטסלאזיגקייט אינשורענסביישטייערונגען געפאדערט לויט דער ניו יארק סטעיט און פעדעראלע געזעץ.**

**שטראפן** פאר באצאלן ארבעטערס שווארץ אדער נישט-ריכטיג באהאנדלען ארבעטערס אלס זעלבסטשטענדיגע קאנטראקטארס:

- **ציווילע שטראף** ערשטע פארלעצונג: ביז $2,500 פער ארבעטער

  שפעטערע פארלעצונג(ען): ביז $5,000 פער ארבעטער

- **קרימינאלע שטראף** ערשטע פארלעצונג: מיסדימינער - ביז 30 טעג אין טורמע אדער ביז א $25,000 קנס און פארבאט צו אויספירן פובליק ארבעט פאר ביז איין יאר.

  שפעטערע פארלעצונג(ען): מיסדימינער - ביז 60 טעג אין טורמע אדער ביז א $50,000 קנס און פארבאט צו אויספירן פובליק ארבעט פאר ביז 5 יאר.

**ויב איר האט פראגעס וועגן אייער עמפלוימענט סטאטוס אדער גלויבט אז אייער ארבעטסגעבער האט מעגליך פארלעצט אייער רעכטן און איר ווילט איינגעבן א קלאגע, רופט דער דעפארטמענט אוו לעיבאר אויף (866) 435-1499 אדער שיקט אן אימעיל צו dol.misclassified@labor.ny.gov.**
**אלע קלאגעס פון שווינדל און פארלעצונגען ווערן גענומען ערנסט. איר קענט בלייבן אנאנימע.**

**ארבעטסגעבער נאמען:**

IA 998Y (05/22)